ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## שמיני

**(חלק כז שיחה ג)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת שמיני, יח־כד ניסן, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# שמיני ג

א. אין די ערשטע פרקים פון הלכות טומאת אוכלין זאָגט דער רמב"ם די תנאים ווען אוכלין זיינען מקבל טומאה:

אין דעם ערשטן פרק שרייבט ער די ערשטע צוויי תנאים (וועלכע זיינען שייך צו אַלע אוכלין):

א) „כל אוכל המיוחד למאכל אדם . . מקבל טומאה וכל שאינו מיוחד למאכל אדם ה"ז טהור"[1].

ב) אפילו אַ „מאכל אדם" איז ניט מקבל טומאה סיידן ער ווערט פריער מוכשר לקבל טומאה — „אינו מקבל טומאה עד שיבלל תחילה באחד משבעה משקין וזהו הנקרא הכשר שנאמר[2] וכי יותן מים על זרע"[1].

דערנאָך, אין צווייטן פרק[3], שרייבט דער רמב"ם אַ דריטן תנאי (בשייכות צו „אוכלין הגדילין מן הקרקע"[4]) — אַז „אינן מקבלין טומאה עד שיעקרו, אבל כל זמן שהן מחוברין אפילו כשורש קטן שיכולין לחיות ממנו אינן מקבלין טומאה".

עס איז ידוע[5] אַז פון יעדער הלכה אין תורה קען מען אַרויסנעמען אַ הוראה אין עבודת השם. ווייל אין צוגאָב צו דעם פשוט'ן אָפּטייטש פון יעדער הלכה, איז אויך פאַראַן דער פירוש ההלכה אין עבודה רוחנית. וואָס די הוראה איז שייך צו יעדן איינעם וויבאַלד אַז תורה איז געגעבן געוואָרן צו יעדעם איינעם.

וואָס דאָס איז אויך איינער פון די פירושים איז פסוק[6] „ויצונו ה' לעשות את כל החוקים האלה ליראה את ה'" — אַז דער תכלית פון „כל החוקים האלה" (וועלכע מצוה והלכה ס'זאָל נאָר זיין) איז — „ליראה את ה'" (אַז דערפון זאָל מען צוקומען צו יראת ה')[7], ווייל פון יעדער הלכה אין תורה קען מען אַרויס־נעמען אַ הוראה אין אַן ענין פון „ליראה את ה'", יראת שמים.

ועד"ז בעניננו, אַז די דריי תנאים הנ"ל בשייכות צו טומאת אוכלין, איז פאַראַן דוגמתם אין עבודת האדם לקונו.

ב. מבואר בכמה מקומות, אַז דער גדר פון טומאה איז שייך דאָרטן וואו ס'איז פאַראַן קדושה, אָדער עכ"פ אפשריות פון קדושה. ע"ד ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין שו"ע[8] (בשייכות צו נגיעה בלי נטילת ידים בבוקר), אַז „לנגיעת הנכרים אין לחוש כי רוח טומאה זו אינה מתאוה לשרות אלא בכלי של קדש במקום קדושה שנסתלקה כו'"[9].

והטעם דערויף איז: מצד הבריאה, איז פאַר קליפות טמאות באַשטימט געוואָרן אַ חיות מצומצם ביותר, און דערפאַר „שטופן" זיי זיך צו מקום הקדושה בכדי

1) לשון הרמב"ם שם פ"א ה"א.

2) פרשתנו יא, לח.

3) ה"א.

4) וראה שם ה"ו בנוגע אוכלין שהן מבעלי חיים, ש„אינן מקבלין טומאה עד שימותו".

5) ראה קונטרס לימוד החסידות פי"א ואילך. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ס"ע ריט ואילך. ובכ"מ.

6) ואתחנן ו, כד.

7) ראה תניא ספכ"ג. ובכ"מ.

8) או"ח מהד"ת ס"ד ס"ב.

9) וכן עכו"ם אין מטמאים באהל ואין נעשים טמאי מת (ולא שאר טומאות) — רמב"ם הל' טומאת מת פ"א הי"ג. וראה אוה"ח ר"פ חוקת בארוכה.

צו באַקומען פון קדושה אַ תוספת יניקה של חיות, דורך מוריד זיין דעם אדם אין (קליפה) טומאה ח״ו.

משא״כ אין אַן אָרט וואָס ס׳איז ניטאָ קיין קדושה (יתירה), איז ניטאָ אַ השתד־לות (יתירה) מצד הטומאה צו שורה זיין דאָרטן[10], וויבאַלד אַז דאָרטן איז ניטאָ קיין ריבוי חיות פון וועלכן זיי קענען מקבל זיין אַ תוספת יניקה.

און דאָס איז דער תוכן פנימי אין דעם ערשטן תנאי פון טומאת אוכלין — אַז דוקא „מאכל אדם״ איז מקבל טומאה:

דער תואר „אדם״ איז דאָך[11] על שם הכתוב[12] „אדמה לעליון״, וואָס דערפאַר ווערן אידן אָנגערופן בשם „אדם״ — „אתם קרויין אדם״[13] — ווייל אַ איד איז „אדמה לעליון״, בדומה, כביכול, צום אדם העליון שעל הכסא[14].

און דאָס מיינט „אוכל המיוחד למאכל אדם״: אכילה אין ברייטערן זין מיינט — אַלע צרכי האדם[15]; און „מאכל אדם״ מיינט — אָט די ענינים וועלכע זיינען די „צרכים״ פון דעם אדם שבו, זיין נשמה וואָס איז „אדמה לעליון״, וואָס דאָס זיינען די ענינים של תורה ומצותי׳.

און דורכדעם ווערט עס אויך „מאכל אדם״ — פון דעם אדם העליון שעל הכסא כביכול. וכידוע[16] אַז דורך די תורה ומצוות פון אַ אידן למטה איז מען כביכול „מפרנס״ דעם אויבערשטן (ע״ד קרבנות וואָס ווערן אָנגערופן[17] „לחמי לאשי״).

וויבאַלד אַז דאָס זיינען אַזעלכע ענינים וואָס זיינען „מיוחד למאכל אדם״ העליון — זיינען די כחות הטומאה זיך משתדל צו מכשיל זיין דעם אדם שב־דומה לו למטה, דעם אידן, כדי צו באַקומען פון אים (פון דעם ריבוי חיות הקדושה שבו) אַ תוספת יניקה של חיות. דערפאַר, איז שייך אַז אין דעם זאָל זיך אַריינכאַפּן אַן ענין פון טומאה ר״ל,

משא״כ „כל שאינו מיוחד למאכל אדם ה״ז טהור ואינו מקבל טומאה״. וויבאַלד אַז ס׳איז ניט פאַרבונדן מיט אדם העליון שעל הכסא, קדושה[*17] — איז דאָרטן ניטאָ קיין השתדלות פון לעומת זה, איז דאָרט ניטאָ קיין טומאה[18], וכנ״ל.

ג. צו דעם איז דאָ (דער רמב״ם מוסיף) אַ צווייטן תנאי, אַז אפילו אַ „מאכל אדם״ איז ניט מקבל טומאה „עד שיבלל תחילה באחד משבעה משקין״:

מים (משקין) ווייזט אויף השפעה והמשכה. ווי מ׳זעט עס אין דער תכונה פון מים, אַז: א) מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך[19] — דאָס איז דער ענין פון

---

10) ראה סוכה נב, א: יצה״ר . . שמניח אוה״ע ומתגרה בשונאיהם של ישראל . . ובתלמידי חכמים יותר מכולם.

11) עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח״ב פל״ג. של״ה ג, רע״א. כ, ב. רסח, ב. שא, ב.

12) ישעי׳ יד, יד.

13) יבמות סא, רע״א.

14) ראה יחזקאל א, כו.

15) ראה סנהדרין לח, א: שיכנס לסעודה מיד, וברש״י שם: שימצא הכל מוכן ויאכל מאשר יחפוץ. ועוד.

16) ראה זח״ג ז, ריש ע״ב. שהש״ר פ״א, ט (ו). לקו״ת בהר מ, סע״א ואילך. פינחס עו, א. ובכ״מ.

17) פינחס כח, ב. ועד״ז בכ״מ. וראה לקו״ת פינחס שם. סידור לג, סע״ב ואילך. אוה״ת פינחס ע׳ א׳עב ואילך ובהנסמן שם. ועוד.

*17) ואף שגם מאכל נכרי נקרא מאכל אדם ומקבל טומאה (ראה רמב״ם שם פ״ג ה״ד. שם ה״י. ועוד) — י״ל שזהו כדי שיהי׳ ענין הבחירה, ע״ד המבואר (סה״מ תרנ״ו ע׳ שיט) לענין ציור גופו של אדם.

18) וי״ל שזהו הטעם הפנימי בדעת ר״ש (בכורות ט, ב. וש״נ) דאיסורי הנאה אינן מטמאין (אא״כ הי׳ להן שעת הכושר — שם, סע״ב). אלא שהרמב״ם (הל׳ טומאת אוכלין ספ״א) פסק כחכמים שמטמאין. ואכ״מ.

19) ראה תענית ז, א.

חסד והשפעה[20], וואָס דער „גבוה" לאָזט זיך אַראָפּ צום „נמוך" בכדי אים צו משפיע זיין. ב) אויך בשייכות צו אוכלין, איז די פעולה פון מים (שתי') וואָס עס פירט פאַנאַנדער דעם אוכל אין גאַנצן גוף[21], וואָס דערפאַר זאָגן חז"ל[22] „אכל ולא שתה אכילתו דם". ג) טבע המים לדבק[23] — די לחלוחית פון מים טוט אויף אַ חיבור ודביקות צווישן דברים נפרדים.

אין עבודת האדם מיינט עס: בשעת די עבודה פון אַ אידן (זיין „אוכלין") איז (ניט ווי אַ טרוקענע זאַך, נאָר) מיט „לחלוחית", דעמאָלט בלייבט עס ניט ביי אים אַליין, נאָר עס פועל'ט אויך אויף די אידן אַרום אים, ביז אַז ער איז יורד אפילו צו אַ נמוך בכדי צו משפיע זיין צו אים.

קומט אויס, אַז ווען דער „מאכל אדם" — די ענינים פון תורה ומצוות (כנ"ל סעיף ב) — זיינען פאַרבונדן מיט תכונת המים, זיי ווערן געטאָן מיט אַ לחלוחית וואָס טוט אויף אַז דער אור הקדושה זאָל נתרבה ווערן אויך ביי אַנדערע אידן — ווערט אַ ריבוי אין דעם חיות הקדושה.

און דערפאַר איז די השתדלות מצד הקליפה צו גורם זיין אַן ענין פון טומאה דוקא ווען דער „מאכל אדם" איז מוכשר געוואָרן לקבל טומאה דורך דעם „שיבלל תחילה באחד משבעה משקין" — ווייל דוקא אין דעם איז פאַראַן אַ ריבוי חיות פון קדושה, פון וועלכן די קליפה וויל באַקומען אַ תוספת יניקה [וי"ל אַז דאָס איז אויך דער טעם פנימי וואָס דוקא ביי משקין געפינט מען אַ ריבוי ענינים פון גזירות וזהירות מפני הטומאה (וואָס מען געפינט ניט ביי אוכלין)[24] — מצד דעם עילוי מיוחד פון משקין, וואָס זיי פאַרמאָגן די תכונה פון השפעה וחיבור עם הזולת, וואָס דאָס איז איינער פון די סימנים וגדרים פון צד הקדושה — השפעה[25] (היפך פון „מכניס ואינו מוציא"[25])];

משא"כ ווען דער „מאכל אדם" איז ניט מוכשר געוואָרן דורך מים, איז אין אים ניטאָ אַזאַ ריבוי חיות פון קדושה, ובמילא איז ער ניט מקבל טומאה (ווייל די קליפה „שטופּט" זיך ניט צו שורה זיין דאָרטן).

ד. לאחרי כל זה — קען ווערן אַ שאלה וטענה:

דער אויבערשטער האָט אַריינגע־שטעלט אַ אידן אין עולם הזה הגשמי, וואָס ווערט אָנגערופן „עולם הקליפות וסטרא אחרא"[26], און „הרשעים גוברים בו"[26]. דערצו זאָגט מען אַ אידן, אַז וואָס מער ער וועט זיך משתדל זיין בעבודתו צו זיין אַ משפיע בסביבתו — אַלץ מער איז די השתדלות מצד הקליפה אים צו מכשיל זיין כו'[27] (כדי זיי זאָלן באַקומען אַ תוספת יניקה ח"ו); בשעת דער וואָס איז זיך ניט משתדל בעבודתו להשפיע דאַרף ער זיך ניט באַוואָרענען פון טומאה!

מוז מען זאָגן אַז זיכער גיט דער אויבערשטער אַן עצה ודרך פאַר אַ אידן

20) תניא ספ"ד.

21) פיה"מ להרמב"ם עירובין פ"ג מ"א. ועוד.

22) שבת מא, א. וראה שערי אורה צה, א. סה"מ תקס"ח ס"ע סט ואילך. ובכ"מ.

23) ראה לקו"ת בהר מ, סע"ג. ובכ"מ.

24) ראה רמב"ם הל' אבות הטומאות פ"ז.

25) תניא פכ"ד (ל, ב).

26) תניא פ"ו (י, סע"ב). וראה תניא פל"ו (מה, ב).

27) ע"ד מחז"ל (סוכה נב, סע"א) כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו. וראה לעיל הערה 10.

ווי ער זאָל זיך קענען באַוואָרענען פון ענין הטומאה (און באַוואָרענען זיך נאָך מערער ווי אַזאַ וואָס איז זיך ניט משתדל כדבעי אין עבודת השם).

אויף דעם קומט דער דריטער תנאי אין טומאת אוכלין — „כל האוכלין הגדילין מן הקרקע .. כל זמן שהן מחוברין אפילו כשורש קטן שיכולין לחיות ממנו אינן מקבלין טומאה (אפילו אם הוכשרו במים)". דאָס מיינט בעבודת האדם: בשעת דער „מאכל אדם" (עבודת האדם) איז אין אַן אופן אַז ער איז בחיבור מיט מקום גידולו, אפילו דורך אַ „שורש קטן (אָבער) שיכולין לחיות ממנו", דעמאָלט איז — „אינן מקבלין טומאה".

ה. די הסברה אין דעם:

אַלע פעולות און ענינים פון עבודת ה' („אוכל המיוחד למאכל אדם" העליון) איז שרשם ומקורם — דער אָרט פון וואַנעט זיי „וואַקסן" — די פנימיות הנשמה, די נקודת היהדות, וואָס אין דעם קען קיין טומאה ניט אָנרירן, ח"ו; ניט נאָר קען עס בפועל ניט טמא ווערן, נאָר נאָכמער — ס'איז ניט מקבל טומאה, כלל ניט בגדר טומאה.

וכידוע מאמר רבותינו נשיאינו[28], אַז „מודה אני .. זאָגט מען פאַר נעגעל וואַסער אפילו בידים טמאות, וואָרום כל הטומאות שבעולם זיינען ניט מטמא דעם מודה אני פון אַ אידען. ער קען זיין חסר בזה או בזה, אָבער דער מודה אני בלייבט גאַנץ"[29]. ווייל דער „מודה אני" פון אַ אידן איז פאַרבונדן מיט דער נקודת היהדות שבו[30].

און ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[31] אַז דער כח האמונה ומסירת נפש (וואָס קומען פון דער נקודת היהדות) איז גאַנץ ביי יעדן אידן, וואָס דערפאַר איז „אפילו קל שבקלים ופושעי ישראל מוסרים נפשם על קדושת ה'"[32], „אפילו שלא לעשות רק איזה מעשה לבד נגד אמונת ה' אחד כגון להשתחוות לעבודה זרה אף שאינו מאמין בה כלל"[33] — ווייל די נקודת היהדות פון אַ אידן דערלאָזט ניט אַז מען זאָל אָנרירן אפילו אין „קצה טומאת ע"ז ח"ו"[34].

און אויף דעם קומט די הוראה, אַז די „אוכלין" דאַרפן זיין מחובר מיט מקום גידולם, די נקודת היהדות: ס'איז ניט גענוג וואָס די נקודת היהדות (פאַר זיך) בלייבט גאַנץ, נאָר די אמונה ומסירת נפש דאַרף דורכנעמען זיינע פעולות בעבודת ה'. ביז ס'איז ניכר אין די פעולות דער חיות שמצד פנימיות הנשמה.

ו. און דאָס איז וואָס דער רמב"ם זאָגט, אַז „כל זמן שהן מחוברין אפילו כשורש קטן שיכולין לחיות ממנו אינן מקבלין טומאה".

בשעת די עבודה פון אַ אידן איז אין אַן אופן אַז זי האָט אַ חיבור מיט מקום גידולו, פנימיות נפשו

— אפילו אויב דאָס איז בלויז „כשורש קטן": אַלע שרשים זיינען אָפּגעשניטן

---

28) היום יום יא שבט.

29) וכידוע פס"ד הרמב"ם עד"ז — בהל' גירושין ספ"ב.

30) ראה קונטרס ענינה של תורת החסידות סעיף יא ובהערה 78 שם.

31) פי"ח ואילך.

32) שם ספי"ח.

33) שם ספי"ט.

34) תניא שם. וראה ליקוט פירושים כו' לשם (ע' שנא) דיוק לשון זה.

געוואָרן, ר״ל, און ביי אים איז פאַרבליבן בלויז איין „שורש קטן״; וויבאַלד אָבער דאָס איז אַ „שורש קטן[35] שיכולין לחיות ממנו״ — אַז דורך אים קען נמשך ווערן חיות פון פנימיות הנשמה —

איז „אינן מקבלין טומאה״. וואָרום כשם ווי די אמת׳ע פנימיות הנשמה איז העכער פון עניני הטומאה, ווערט אַזוי אויפגעטאָן אויך אין די „אוכלין״ — די עניני האדם בתורה ומצוותי׳, וועלכע זיינען מקבלין חיות, דורכגענומען מיטן חיות פון פנימיות הנשמה — אַז אויך זיי זאָל קיין טומאה ניט קענען אָנרירן; ועד כדי כך, ביז אַז „אוכלין שהוכשרו כשהן מחוברין לקרקע . . אינו הכשר״[36] — עס קען אַפילו ניט ווערן מוכשר לקבל טומאה, אַזוי אָפּגעפרעגט איז דער ענין הטומאה ביי אים.

וי״ל אַז דאָס איז אויך דער פירוש אין דברי המשנה[37] אַז די עבודה פון אַ אידן דאַרף זיין ווי אַן „אילן שענפיו מועטין ושרשיו מרובין שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו״ — אַז דער עיקר מעלה איז אין ריבוי שרשים, וועלכע פאַרבינדן די פעולות האדם בתורה ומצוותי׳ מיט מקום גידולן, פנימיות נשמתו[38], וואָס דאָס גיט אַריין אַ חיזוק ותוקף אין זיין עבודה, ביז אַז קיין זאַך קען עם ניט רירן פון אָרט — „כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו״.

35) להעיר מלשון הע״ח (ש׳ דרושי אבי״ע פ״א), הובא בלקו״ת ראה (כז, א) — „יש ניצוץ קטן כו׳ מתלבש כו׳ הנק׳ יחידה״.

36) רמב״ם שם פ״ב ה״ח.

37) אבות פ״ג מי״ז.

38) ראה בארוכה לקו״ש ח״ד ע׳ 1210 ואילך (וראה שם השייכות ל„מעשיו מרובין מחכמתו״).

ז. כידוע הויבט זיך אָן יעדער ענין אין עבודת ה׳ פון תורה. ועד״ז אין דעם ענין — אַז כדי צו אויפטאָן דעם חיבור פון די פעולות האדם (במחשבה דיבור ומעשה) מיט פנימיות הנשמה — איז עס דורך דעם וואָס אין זיין לימוד התורה איז פאַראַן די הקדמה פון ברכו בתורה, ברכו בתורה תחלה[39], המשכה בתורה, דער אָפענער פאַרבונד מיטן שורש ונותן התורה — נותן התורה (לשון הווה),

און דאָס איז דער שורש כללי לכל התורה כולה

תורה דאַרף דאָך אַראָפּקומען און דורכנעמען אַלע פרטים ואיברים — וואָס דאָס איז דער חיבור פון נגלה דתורה (וואָס איז בדוגמת ענין האוכלין — „מילא כריסו בבשר ולחם״[40]) מיט פני־מיות התורה.

דער חילוק צווישן גליא דתורה און פנימיות התורה איז[41]:

בלשון הזהר[42] נגלה דתורה איז גופי תורה, פנימיות התורה — נשמתא דאו־רייתא.

ועד״ז — נגלה דתורה רעדט, איז מברר דינים און ענינים פון „אילנא דטוב ורע״[43], וואָס דערפאַר איז דער לימוד עצמו אין אַן אופן פון פלפול וקושיות כו׳, ביז אַז עס זיינען פאַראַן

39) נדרים פא, א. ב״מ פה, ריש ע״ב. וראה רבינו יונה הובא בר״ן נדרים שם. ב״ח ושו״ע אדה״ז או״ח סמ״ז.

40) ראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת ספ״ד.

41) בהבא לקמן ראה אגה״ק סכ״ו. קונטרס עץ החיים פי״ג ואילך. ובכ״מ.

42) זח״ג קנב, א.

43) רע״מ נשא קכד, ב. הובא (ונתבאר בארוכה) באגה״ק שם.

ענינים פון מחלוקת כו׳[44] — ד.ה. עס איז שייך אין דעם אַן ענין פון העלם והסתר אויף אמיתתה של תורה.

משא״כ פנימיות התורה איז עץ החיים — „אילנא דחיי דלית תמן לא קשיא כו׳ ולא מחלוקת כו׳״[43]; ס׳איז העכער פון דעם גדר פון אילנא דטוב ורע.

און דערפאַר, כדי דער לימוד התורה של האדם זאָל זיין אין אַן אופן פון „נעשית לו סם חיים״[45], אַז עס זאָל ניט זיין לימוד לקנתר ר״ל, אַן ענין פון היפך החיים, ואפילו ניט צו אַ דקות׳דיגן שלא לשמה[46] — איז עס דורך דעם וואָס זיין לימוד אין גליא דתורה איז מחובר מיט לימוד פנימיות התורה, אילנא דחיי.

און „גדול לימוד שמביא לידי מעשה״[47] דורך דעם חיבור פון גליא ופנימיות אין תורה, ווערט אַזוי אויפגעטאָן אויך בכללות עבודתו, אַז עס ווערט דער חיבור פון פעולות גליא שבנשמתו (די „אוכלין״ שלו) מיט פנימיות נשמתו, ובמילא ווערט ער אין אַ מצב אַז ער איז (אפילו) ניט בגדר לקבל טומאה.

און דאָס ווערט די הכנה קרובה צום קיום היעוד „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״[48], בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש״פ וישלח תשמ״ה)

44) רע״מ שם. הובא באגה״ק שם.

45) ל׳ חז״ל – יומא עב, ב. וראה בארוכה קונטרס עה״ח שם.

46) ראה תוד״ה העושה – ברכות יז, א. וש״נ.

47) ב״ק יז, א. וש״נ.

48) דקאי על יצה״ר (זכרי׳ יג, ב. ראה מפרשים שם).